**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/10/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט פלאן איבער די סטעיט צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און בויען 800,000 נייע הייזער

***ניו יארק האוזינג קאמפעקט וועט אראפשטעלן לאקאלע האוזינג צילן, ארייננגערעכנט לאקאלע אנטיילנעמונג צו עררייכן האוזינג וואוקס אין יעדע קאמיוניטי***

***נעמט אריין פארשלאגן צו אראפנעמען שטרויכלונגען צו באקומען פאפירן, פארברייטערן אנטוויקלונג געלעגנהייטן אין ניו יארק סיטי, און שטופן בוי ארבעט***

***פלאן וועט אויך שטארקן אנגייענדע מאס הייזער אוועילעבל און פארמערן שטיצע פאר ניו יארקער וואס דינגען און פאר הויז אייגנטומער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן א פלאן איבער די סטעיט צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס, בויען 800,000 נייע הייזער איבער די קומענדיגע צען יאר צו נאכקומען די היסטארישע מאנגל, און שטיצן ניו יארקער וואס דינגען און הויז אייגנטומער אלס טייל פון די 2023 צושטאנד פון די סטעיט (סטעיט אוו די סטעיט). די ניו יארק האוזינג קאמפעקט, א אינהאלטסרייכע, מערערע-שטאפל פלאן, נעמט אריין לאקאלע אנטיילנעמונג פאדערונגען און באלוינען צו עררייכן האוזינג וואוקס אין יעדע קאמיוניטי אזוי אז יעדע טייל פון די סטעיט איז א מיטארבעטער אין לעזן די וויכטיגע קריזיס. די פלאן פאדערט אויך מוניציפאליטעטן מיט MTA באן סטאנציעס צו איבער'זאנ'ען זייערע לאקאל פאר גרעסערע מעגליכקייט פון וואוינונג הייזער.

"ניו יארק האלט פאר א האוזינג קריזיס וואס פאדערט שטארקער שריט און א צוגאנג פון הילף פון אלע וואס קענען זיך ארייננמישן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "יעדע קאמיוניטי אין ניו יארק מוז טון זייער טייל צו מוטיגן האוזינג וואוקס צו רוקן די סטעיט ווייטער און האלטן אונזער עקאנאמיע שטארק. די ניו יארק האוזינג קאמפעקט איז אן אינהאלטסרייכע פלאן צו שטופן ווייטער די ענדערונגען נויטיג צו שאפן מער וואוינונגען, נאכקומען די שטייגנדע נויט, און מאכן אונזער סטעיט מער א גלייכבארעכטיגטע, סטאבילע, און ביליגע ארט צו וואוינען."

ניו יארק סטעיט שטייט יעצט פאר א שווערע, איינמאל-אין-א-דור האוזינג קריזיס. לויט די [באפעלקערונג רעפערענץ ביורא](#) זענען מער ווי האלב ניו יארקער וואס דינגען רענט-באלעסטיגט, דאס מיינט אז זיי צאלן מער ווי 30 פערצענט פון זייער איינקונפט פאר רענט - די צווייטע-העכסטע ראטע אין די לאנד. אין די ניו יארק סיטי מעטרא געגנט, האט רענט געשטיגן 30 פערצענט זייט 2015 און פרייזער פון הייזער זענען געשטיגן 50 פערצענט אין דעם זעלבן צייט אפשניט. אינדרויסן פון ניו יארק סיטי, זענען רענטס געשטיגן 40 ביז 60 פערצענט זייט 2015 אינעם צייט וואס פרייזער פון הייזער זענען געשטיגן 50 ביז 80 פערצענט.

די ניו יארק האוזינג קאמפעקט וועט רופן אויף אלע שטאפלען פון רעגירונג צו נאכקומען די אנגייענדע קריזיס.

**האוזינג צילן איבער'ן סטעיט**

די ניו יארק האוזינג קאמפעקט וועט פאדערן אלע סיטיס, טאונס, און ווילעדזשעס צו דערגרייכן נייע הייזער שאפונג צילן אויף א דריי-יאר-פלאן. דאונסטעיט מוניציפאליטעטן סערווירט דורך די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אוטאריטעט וואו די האוזינג נויט איז דאס מערסטע שטארק, אריינגערעכנט ניו יארק סיטי, וועט האבן א דריי פערצענט נייע הייזער ציל איבער דריי יאר. פאר מוניציפאליטעטן אין אפסטעיט קאונטיס, וועט די נייע הייזער ציל זיין איין פערצענט איבער דריי יאר.

אונטער די קאמפעקט, וועלן לאקאליטעטן באשליסן וויאזוי צו דאס בעסטע נאכקומען זייער נייע הייזער אויפבוי צילן. פון איבערמאכן שוואך באנוצטע אפיס פארקס און סטריפ מאלס צו צושטעלן נייע באלוינען צו שטופן מערער פאמיליע געביידעס, קענען לאקאליטעטן אויסוועלן וויאזוי צו ווידמען זייער פלענער צו פארמערן די צאל הייזער. צו מוטיגן אריינצומען ביליגערע הייזער אלס טייל פון די נייע וואוקס, וועלן ביליגערע הייזער באקומען איבריגע פונקטן מיט רעכענען די פארשריט פון לאקאליטעטן צו זייער צילן.

לאקאליטעטן וועלכע קומען נישט נאך צילן קענען באקומען זיכערע הארבאור סטאטוס פאר איין דריי-יאר רינדע דורך אריינלייגן אין קראפט געוויסע גוטע געוויסן שריט - אדער "געוואונטשענע שריט" - וועלכע שאפן זאונינג קאפאסיטעט צו ערגרייכן די וואוקס צילן.

**אינפראסטרוקטור און פלאן געלטער**

די ניו יארק האוזינג קאפעקט וועט צושטעלן 250$ מיליאן אינפראסטרוקטור געלט און 20$ מיליאן פלאן געלט צו שטיצן נייע הייזער שאפונג איבער די סטעיט. מוניציפאליטעטן קענען אריינגעבן פארלאנגען פאר פלאן געלטער צו אונטערנעמען אדער געפאדערטע טראנספארטאציע-געווידמענטע אנטוויקלונג איבער'זאונ'ען אדער געוואונטשענע שריט זיי צו העלפן אנקומען צו זייער וואוקס צילן. די פלאן וועט אויך שאפן א נייע האוזינג פלאן אפיס אין ניו יארק סטעיט הייזער און קאמיוניטי באנייאונג צו געבן פאר מוניציפאליטעטן שטיצע און אנווייזונג.

**נייע פאקוס אויף טראנספארטאציע-געווידמעטע אנטוויקלונג**

די ניו יארק האוזינג קאמפעקט וועט פאדערן אז לאקאליטעטן מיט באן סטאנציעס אנגעפירט דורך די MTA זאל אונטערנעמען אן ארטיגע איבער-זאונ-ען אדער העכערע מעגליכקייט פון מערערע פאמיליע אנטוויקלונג דערין א האלבע מייל פון די סטאנציע אויסער אויב עס קומט שוין נאך די מעגליכקייט שטאפל. מיט אויסברייטן האוזינג מעגליכקייט אין די טראנספארטאציע-געווידמעטע קאמיוניטיס, וועלן מער פאמיליעס קענען הנאה האבן פון בעסערע צוטריט צו ארבעט און בעסערע קאמיוניטיס.

**אנפירן האוזינג באשטעטיגונג ווען צילן ווערן נישט נאכגעקומען**

נאך 3 יאר, אין לאקאליטעטן וועלן קומען נישט נאך וואוקס צילן אדער וועלכע נעמען נישט שריט צו אריינלייגן אין קראפט די געוואונטשענע שריט, פארגעשלאגענע האוזינג אנטוויקלונגען וועלכע קומען נאך ביליגקייט באדינגונגען, אבער גייען מעגליך נישט אינאיינעם מיט די אנגייענדע זאונינג, קענען אויסנוצן די פעסט-טרעק האוזינג באשטעטיגונג אויב די לאקאליטעט זאגט אפ די פערמיט. די אפיעל קען געמאכט ווערן צו א נייער סטעיט האוזינג באשטעטיגונג באורד אדער דורך די געריכטן. אפעלירטע פראיעקטן וועלן ווערן באשטעטיגט אויסער אויב א לאקאליטעט קען צייגן א גילטיגע געזונט אדער זיכערהייט אורזאך צו אפזאגן די אפליקאציע.

מוניציפאליטען וועלכע קומען נישט נאך די צילן קענען נאכאלץ נעמען גיטע געוויסן געוואונטשענע שריט צו שטופן אנטוויקלונג פאר נאך א 3-יאר רונדע אין וועלכע די פעסט-טרעק באשטעטיגונג פראצעדור איז

נישט גילטיג. אין מוניציפאליטעטן וואו עס איז נישט דא א מארקעט נויט פאר נייע הייזער וועט נישט זיי א פראקטישע אפעקט אויב לאקאליטעטן קומען נישט נאך זייערע צילן.

**אוועקנעמען שטרויכלונגען פאר האוזינג באשטעטיגונגען**
צו פארשנעלערן איבער'זאונ'ען און אנטוויקלונג פון נייע הייזער, וועלן ספעציפישע פארלייכטערונג פון ענווייראנמענטאלע איבערזיכט ווערן אריינגערעכנט אין די נייע הייזער צילן און טראנספארטאציע געוויידמעטע אנטוויקלונג פארשלאגן. די סטעיט וועט פארזעצן צו נוצן וויכטיגע זיכערהייט מאסנאמען צו פארמיידן ענווייראנמענטאלע שאדן און פארזיכערן א פאבליק געזונטהייט בלייבט א הויפט פריאריטעט.

**צושטעלן ניו יארק סיטי מיט וויכטיגע געצייג צו פארמערן האוזינג**
גאווערנער האקול שלאגט פאר עטליכע האוזינג פארשלאגען ספעציפיש פאר ניו יארק סיטי צו אדרעסירן די פארמערטע רעזולטאט פון די האוזינג קריזיס אין די פינף בעראוס. די גאווערנער פאר פארשטעלן די צוריקדריי פון אן אלטע סטעיט געזעץ וואס באגרעניצן די מאקסימום מעגליכקייט פון וואוינונג גרויסקייט ערטער. די שריט וועט ערלויבן ניו יארק סיטי די מעגליכקייט צו ערלויבן פאר מער א צושטיפטע וואוינונג אנטוויקלונג וואו סיטי באאמטע באשליסן עס איז פאסיג.

גאווערנער האקול שלאגט אויך פאר א געזעץ צו פארברייטערן די וועלט פון קאמערשעל געביידעס בארעכטיגט פאר איבערטוישן צו וואוינונג באנוץ און צושטעלן נויטיגע רעגולאטארי הילף, שאפנדיג אן אפגעשאצטע צוגעקומענע 120 מיליאן סקווער פיס ניי בארעכטיגט פאר איבערטוישונג.

אין צוגאב, וועט גאווערנער האקול פארשלאגן צו געבן פאר די סיטי פון ניו יארק די אוטאריטעט צו צושטעלן די אוטאריטעט דורך לאקאלע געזעץ פאר אנגייענדע בעיסמענט איינהייטן וועלכע קומען נאך געזונטהייט און זיכערהייט סטאנדארטן צו ווערן באשטימט דורך די סיטי.

**קריטישע פלענער צו בויען און איבערמאכן הייזער**
גאווערנער האקול האט אויפגעדעקט א סעריע פון נייע פארשלאגן צו שטופן נייע הייזער אויפבוי און די ערהוילונג פון אנגייענדע הייזער. דאס נעמט אריין נייע פראפערטי שטייער אויסנאמען צו מוטיגע געמישטע איינקונפט האוזינג אנטוויקלונג נעבן באן סטאנציעס און שטופן ביליגערע הייזער אין קאמערשעל געביידעס וועלכע וועלכע איבערגעמאכט פאר וואוינונג באנוץ אין ניו יארק סיטי. דאס נעמט אויך אריין אפדעיטעד פראפערטי שטייער אויסנאמען צוגעשטעלט דורך לאקאלע אויסוואל צו שטיצן היים אייגנטומער וואס בויען אקסעסארי וואוינונג איינהייטן און פאר פראפערטי אייגנטומער וואס דארפן שטיצע צו אונטערנעמען געוויסע איבערבוי מאסנאמען אין ניו יארק סיטי.

צו שטיצן די אנטוויקלונג פון געמישטע-איינקונפט האוזינג אינדרויסן פון ניו יארק סיטי, וועט גאווערנער האקול אנפירן ניו יארק סטעיט הייזער און קאמיוניטי באנייאונג צו מאכן $5 מיליאן אין סטעיט נידריגע איינקונפט האוזינג שטייער קרעדיטס אוועילעבל.

גאווערנער האקול וועט אויך מאכן נויטיגע ענדערונגען צו פארזיכערן אז לאקאליטעטן וואו נייע האוזינג אנטוויקלונגען נוצן באצאלונג אנשטאט שטייער אפמאכן ווערן נישט באשטראפט אין שטייער קעפל רעכענונגען.

די גאווערנער וועט ארבעטן מיט די סטעיט לעגיסלאטור צו אנטוויקלען אן ערזעצונג פאר די 421-a פראפערטיע שטייער אויסנאם פראגראם וועלכע איז אויסגעלאפן יענע יאר צו שטופן אויפבוי פון נייער הייזער אויף פארדינגען אין ניו יארק סיטי.

**שטארקן ניו יארק'ס אנגייענדע צאל הייזער**

די גאווערנער האט געמאלדן נאך פארשלאגן צו פערמערן די סטעיט'ס צאל פון זיכערע, סטאבילע, באקוועמע הייזער פאר אלע ניו יארקער.

גאווערנער האקול וועט פארשלאגן לעגיסלאציע צו שאפן א פראגראם וואס בויעט אויף אויפגעוויזענעביישפילן צו שטארק פארמינערן בליי אויסגעשטעלטקייט ריזיקע אין הייזער צו דינגען אינדרויסן פון ניו יארק סיטי, געצילטע ערטער אנגערופן אלס "הויכע ריזיקע" פאר בליי אויסגעשטעלטקייט באזירט אויף פאסירונג פון יוגנט הויכע בלוט בליי שטאפלען. דאס וועט פאדערן מערערע-פאמיליע דינגען איינהייטן אין אזעלכע ערטער וואס זענען געבויט געווארן איידער 1980 צו אונטערגיין א בליי ריזיקע אפשאצונג יעדע דריי יאר - אויב בליי געפארן ווערן געפונען, וועט די לענדלארד דארפן איבערמאכן די האוזינג איינהייט. עס וועלן זיין געלט באצאלט פאר בארעכטיגט לענדלארדס צו העלפן דעקן די קאסט פון די אפשאצונגען און די איבערבויען פון אידענטיפיצירטע געפארן.

די גאווערנער וועט אויך פארשלאגן לעגיסלאציע וואס וועט אפדעיט'ן די אנגייענדע געזעץ וואס ערמעגליכט לאקאלע רעגירונגען צו נעמען אייגנטומערשאפט פון געוויסע געפארפולע פארלאזטע פראפערטיס. די לעגיסלאציע וועט העלפן לאקאליטעטן פארמינער פאבליק געזונטהייט געפארן, פארבעסערן פראפערטי ווערדן פאר דערנעבנדע היים אייגנטומערס, העכערן פראפערטי שטייער איינקונפטן, אוןש אפט נייע הייזער געלעגנהייטן.

__שטיצע פאר די וועלכע דינגען און היים אייגנטומער__

אין צוגאב צו פארשלאגן צו בויען נייע הייזער, האט גאווערנער האקול פארעפנטליכט צוויי נייע פארשלאגן צו אדרעסירן די רעזולטאטן פון די האוזינג קריזיס אויף יעצטיגע ניו יארקער וועלכע דינגען און היים אייגנטומער. גאווערנער האקול וועט פארשלאגן א געצילטע פלאן, געבויעט אויף די באפעלאו איסט היים אייגנטומערשאפט הילף פראגראם, צו צאלן פאר היים פאררעכטונגען אין קאמיוניטיס איבער די סטעיט וועלכע זענען אידענטיפיצירט געווארן אלס האבן א הויכע שטאפל פון נידריג-איינקונפט היים אייגנטומער פון קאליר און היים אייגנטומער שווערקייט.

די גאווערנער וואט אויך פארשלאגן העכערע געלטער פאר די סטעיט'ס טענענט באשיצונג איינהייט, זיי צו ערמעגליכן צו עפענען נאך א סאטעלייט אפיס. די פארמערטע מעגליכקייטן פון די איינהייט וועט זיין א גרויסע הילף דווקא פאר געבויטע היים פארק איינוואוינער און וועט פארבעסערן צוטריט צו געלטער און הלוואות אווילעבל צו מוניציפאליטעטן פאר פארם-ארבעטער האוזינג.

**הייזער און קאמיוניטי באנייאונג קאמישאנער רוט ענן וויסנאוסקאס האט געזאגט**, "ניו יארק'ס שטארקע האוזינג מאנגל אפעקטירט אלע קאמיונטיטיסביידע גרויסע און קליינע, דארפישע און שטאטישע. גאווערנער האקול'ס ניו יארק האוזינג קאמפעקט איז א פארצווייגטע און ווייטע פלאן וואס וועט שטארק העכערן האוזינג אויפבוי איבער די סטעיט אין א וועג וואס בענעפיטירט אונזער קלימאט, ארבעט אינאיינעם מיט אונזער שטייגענדע ארבעטסקראפט, און פארברייטערט גלייכע צוטריט צו קוואליטעט וואוינונג געלעגנהייטן פאר אלע ניו יארקער. די ברייטע שריט וועט פארזיכערן אז אונזער קאמיוניטיס וועלן האבן די שטיצע וואס זיי דארפן צו נאכקומען האוזינג אויפבוי צילן און ארייגלייגן אין קראפט קלוגע וואוקס פלענער וואס וועלן צום ענדע מאכן אונזער סטעיט א בעסערע, מער באחדות'דיגע, און ביליגערע פלאץ צו וואוינען."

__גאווערנער האקול'ס 2022 האוזינג פלאן__

די ניו יארק האוזינג קאמפעקט גייט אינאיינעם מיט די גאווערנער'ס $25 ביליאן אינהאלטסרייכע האוזינג פלאן, געמאלדן אין לעצטע יעריגע'ס סטעיט פון די סטעיט רעדע, צו שאפן און אהאלטן 100,000 הייזער פאר צוגענגליכע פרייזן איבער ניו יארק, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, ווי אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו עלעקטריציטעט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov